# פרשת ראה כ"ד – ל' אב תשע"ט לפ"ק

***יום ראשון פרשת ראה***

בשעות הצהרים התקיים בבית **רבינו שליט"א** האפשערן של בן הר"ר **מרדכי לייב פריעדמאן** הי"ו.

אחר כך התקיים בבית **רבינו שליט"א** מסיבת לחיים לרגל האירוסין של החתן **חיים** (ב"ר יוסף שאול הי"ו) **שיין** נ"י.

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לקרית יואל ושימש כהן אצל הפדיון הבן של בן הר"ר **אלי' בצלאל שפיץ** הי"ו, שהתקיים באולם קרן ויואל משה.

אחר כך עלה **רבינו שליט"א** לציון **הרה"ק מסאטמאר זי"ע** ואמר פרקי תהלים למשך זמן.

בשעות הערב השתתף **רבינו שליט"א** אצל סיום מסכת קידושין שנלמד במשך השנה על ידי תלמידי הישיבה קטנה, ונשא מדברותיו.

***וזה תוכן הדברות קודש:***

**איך** וויל ארויסברענגען פאר די בחורים מיינע הרגשים פונעם משך פון דעם זומער, וואס מען איז געזעסן צוזאמען די גאנצע צייט. איך וויל זאגן, אז עס איז באמת משתומם צו זיין, ווי אזוי די בחורים האבן זיך אויפגעפירט. א גאנץ יאר זעה איך נישט אזוי ווייט, וויפיל איך קען זעהן זומער. דאס אהבת התורה, דאס ערליכקייט, די מידות טובות, דער בין אדם לחבירו פון איינעם צום צווייטן. מען האט קיינמאל נישט געהאט צוטון מיט א בחור, וואס מען זאל דארפן אוועק שיקן, צו מען זאל דארפן קנס'נען וכדומה עפעס א ערנסטע זאך. יעדער איינער האט זיך אויפגעפירט ב"ה זייער שיין. מען זיצט און מען לערנט. יעדע וואך קומט צו צום צעטיל נאך נעמען פון די וואס האבן זיך פארהערט נאך א פרק, און נאך א פרק. עס איז באמת געווען א תענוג רוחני. איך געדענק שוין נישט יארן לאנג, אז איך זאל האבן אזא תענוג אינעם זומער, ווי איך האב געהאט דאס יאר.

**ווען** מען ענדיגט א יאר, מען ענדיגט דעם קעמפ, דארף מען געבן א שבח והודאה פארן אייבערשטן, ששמת חלקנו מיושבי בית המדרש, ולא שמת חלקנו מיושבי קרנות. **ווי גליקליך דארף א בחור זיין, אז ער האט געקענט זיצן א גאנצן זומער דא אין בית המדרש, אפגעזונדערט פון די וועלט, און נישט געהאט קיין שום שייכות צו וואס עס טוט זיך ארום און ארום.** אויסער די פיר ווענט דא, האט מען כמעט נישט געהאט קיין שייכות צו עפעס אנדערש.

**אנו** עמלים והם עמלים, אונז פלאג מיר זיך און זיי פלאגן זיך, אנו עמלים ומקבלים שכר, והם עמלים ואין מקבלים שכר. די וועלט טייטשט, זיי זענען עמלים ואינם מקבלים שכר?! דו האסט שוין געזעהן א מענטש פלאגט זיך, ער גייט אין דזשאב אריין, און מען צאלט אים נישט דערפאר? יעדער וואס פלאגט זיך, באקומט שכר דערויף. וואס איז דער אנו עמלים ומקבלים שכר, און זיי פלאגן זיך, און זיי זענען נישט מקבל קיין שכר?

**נאר** בדרך כלל, ווען מען גיט ארויס א ארבעט פאר איינעם צו טון, זאגט מען אים, ווען דו וועסט ענדיגן די ארבעט, באקומסטו באצאלט כך וכך. ווען יענער ענדיגט נישט דאס ארבעט, און ער לאזט עס איבער אינדערמיט, דארף מען אים נישט באצאלן, ווייל ער האט דאך נישט אהערגעשטעלט די סחורה וואס ער האט געדארפט צו טון. ווען ער ברענגט א פארטיגע זאך וואס מען האט באשטעלט ביי אים, דעמאלטס דארף מען אים באצאלן. קומט אויס, אז זיי זענען עמלים, זיי פלאגן זיך אסאך מאל, ואינם מקבלים שכר, אויב ער האט נישט צוגעענדיגט, איז נישט דא קיין שכר. אנו עמלים ומקבלים שכר. צו מען האט יא געענדיגט די מסכת, צו מען האט נישט געענדיגט די מסכת, צו ער קען די גאנצע, צו ער קען די האלבע, מען איז געווען עמלים אויף תורה, מען איז געזעסן אין בית המדרש און געלערנט א גאנצן ווינטער און א גאנצן זומער, אפילו איינער איז אנגעקומען מער, און איינער איז אנגעקומען ווייניגער, אבער עמלים זענען מיר אלע געווען, יעדער איינער לפי ערכו האט זיך געפלאגט אויף תורה. אנו עמלים ומקבלים שכר, דער אייבערשטער באצאלט שכר דערויף, אין הקב"ה מונה הדפים אלא השעות, דער באשעפער רעכנט נישט די בלעטער וואס מען קען, נאר וויפיל שעות דו האסט אריינגעלייגט דערין. יעדע שעה וואס מען האט זיך געפלאגט אויף תורה, ווערט באצאלט פאר א מענטש. אין די שמחה פון אנו עמלים, דאס קען יעדער איינער האבן א חלק. אפילו

ער איז נאכנישט אנגעקומען צו מסיים זיין די מסכת, עס איז נאך דא צוויי חדשים, א אלול מיט א תשרי, וואס מען קען עס נאך משלים זיין. דאנקן מיר דעם אייבערשטן, אז דער באשעפער האט אונז געגעבן אונזער חלק, אז מיר זענען מיושבי בית המדרש, און נישט פון די יושבי קרנות.

**דוד** המלך זאגט (תהלים קכו-ה), הזורעים בדמעה ברנה יקצרו. אנזייען גייט אסך מאל בדמעה, אבער ווען מען זעהט די פירות דערפון, די קצירה, דאס איז ברנה, מיט א שמחה. די גמרא (סנהדרין צט.) זאגט, ווען איינער לערנט, און ער חזר'ט נישט איבער וואס ער האט געלערנט, איז ער דומה אזוי ווי א זורע ואינו קוצר. ער האט א פעלד, און ער האט זיך געמוטשעט דערויף צו אקערן און אנזייען דאס פעלד, און שפעטער ווען עס הייבט אן צו וואקסן די פירות, לאזט ער עס איבער, און ער טוט נישט אפשניידן די פירות, איז ער א שוטה. דו האסט דאך אוועקגעגעבן אזויפיל צייט אויף די זריעה, און ווען עס קומט צו די קצירה לאזטו עס איבער. זעהט מען אז די גמרא רופט אן דאס לערנען, אז דאס איז 'זורעים'. און דאס איבער'חזר'ן און קענען די מסכת, דאס ווערט אנגערופן די קצירה. 'הזורעים בדמעה', די זריעה גייט מיט דמעה, עס איז ביטער שווער צו לערנען א מסכת, און קענען די גמרא מיט די תוספות מיט די מפרשים וואס מען לערנט דערויף. יעדער איינער וואס האט זורע געווען, אדורכגעטון די מסכת, איז עס געווען בדמעה, מיט שוועריקייטן. וויפיל טרערן האט ער פארלאזט ביי א דאווענען, און פאר דעם און נאך דעם, ער זאל קענען פארשטיין די גמרא. אבער ווען עס קומט צו די קצירה, מען זעהט ב"ה אז ער האט זיך נישט געפלאגט אומזיסט, ער קען, ער האט זיך געלאזט פארהערן, א האלבע מסכת, א דריי פערטל מסכת, די גאנצע מסכת. די קצירה וואס א מענטש ענדיגט, דאס איז דער 'ברנה', דארט ליגט די שמחה. מען דארף זיך פרייען אז מען איז ב"ה צוגעקומען, צו וויפיל ער איז צוגעקומען, אז ער האט זיך נישט געפלאגט אומזיסט.

**דער** אייבערשטער האט געגעבן די זכיה, אז מען האט געענדיגט די גאנצע מסכת. יעדער ווייסט אז ווען מען ענדיגט א מסכת, דאס גיט די חשק אז מען זאל ענדיגן א צווייטע מסכת אויך. ער האט געענדיגט דאס יאר די מסכת, וועט ער ענדיגן דעם קומענדיגן יאר די אנדערע מסכת. די אלע וואס האבן געענדיגט פאריאר די מסכת, האט עס זיי געגעבן א שטופ אז זיי זאלן דאס יאר ענדיגן די מסכת. **ענדיגן א מסכת דאס איז נישט נאר אז מען האט געענדיגט א מסכת, דאס איז דער כח אז ער זאל קענען ווייטער ממשיך זיין, צו לערנען א פרישע מסכת, און קענען די פרישע מסכת.**

**די** וועלט זאגט, אז דער ס"מ הייסט סמא"ל, וואס די ר"ת איז, ס'יום מ'סכת א'ין ל'עשות. נאר א סיום מסכת לאזט ער נישט אז מען זאל טון? עפעס אנדערש לאזט ער אויך נישט. לערנען א האלבע מסכת לאזט ער אויך נישט. אבער א סיום מסכת, וואס ער ווייסט אז ווען דער בחור וועט ענדיגען א שלימות, א סיום פון א מסכת, דאס וועט אים געבן די כח אויף שפעטער צו ענדיגן אסאך מסכתות, דארט שטעלט זיך דער ס"מ אפ. ענדיג נאר די האלבע, ענדיג נאר די דריי פערטל, מאך נישט די גאנצע. ווען ער וועט פילען אז ער האט נישט געענדיגט די מסכת, און ער איז נישט אלעס אנגעקומען, וועט עס אים אוועקנעמען די מוט אויף שפעטער. פארלייגט ער זיך, אז מען זאל נישט מאכן קיין סיום. אבער א יוד דארף וויסן, אז עס איז נישט אזוי. מען דארף זיך פרייען מיט וויפיל ער האט געענדיגט. סוף כל סוף ער האט געענדיגט א פרק, ער האט געמאכט א סיום אויף א פרק, צוויי פרקים, דריי פרקים, די גאנצע מסכת באשטייט נישט מער ווי פיר פרקים. עס גיט דעם כח אז מען זאל קענען ווייטער ממשיך זיין.

**מען** גייט באלד אריין אין שטאט, די שטאט איז א אנדערע וועלט ווי דא. דארט הייבן זיך אן די נסיונות. והיה עקב תשמעון את המשפטים האלה (דברים ז-יב), און ווי רש"י זאגט, די מצוות קלות שאדם דש בעקביו. די שטאט שאדם דש בעקביו, די גאסן וואס מען דרייט זיך, וואס דארטן פאלט מען אדורך, עון עקבי יסובנו (תהלים מט-ו). **א בחור האט זיך נישט וואס צו דרייען, נאר אין בית המדרש אדער אינדערהיים, ערגעץ אנדערש האט ער נישט ווי צו גיין.** דער דש בעקביו וואס א מענטש גייט ארום, דארטן פאלט ער אדורך. 'והיה', עס איז א שמחה, ווען 'עקב', ווען די טריטן זענען נאר, 'תשמעון את המשפטים האלה', צו גיין אין בית המדרש,

דעמאלטס איז א 'והיה' דעמאלטס איז א שמחה. סוף כל סוף, שפעטער האט מען אלץ חרטה פארוואס מען איז נישט געווען אין בית המדרש און מען האט געלערנט, און מען האט א שמחה ווען מען ענדיגט און מען האט מצליח געווען.

**ווען מען גייט אריין אין די שטאט, דארף דער גאנצער טאג זיין מיט אזא סדר אזוי ווי עס איז געווען אין ישיבה. אין ישיבה איז ער געווען מסודר, ער האט געוואוסט ווען ער דארף אויפשטיין, און ווען ער דארף דאווענען, דעם זעלבן סדר דארף מען אנפירן שפעטער אינדערהיים, אן קיין שום שינויים, אפילו מען שטייט נישט אויפן קאפ, עס איז נישט דא איינער וואס זאל זיין אן עומד על גביו.** לכו בנים שמעו לי (תהלים לד-יב), די עיקר דערקענט מען עס, ווען עס איז לכו בנים, נישט ווען מען איז געשטאנען אז מען דארף אזוי צו טון. ווען מען גייט אהיים דארף מען זיך פירן אזוי ווי מען פירט זיך אין ישיבה, דאס איז די עיקר נחת וואס עלטערן האבן פון קינדער.

**איך** וויל מחזק זיין דעם מנהל רבי פישל זאל זיין געזונט, וואס פאר א כוחות ער לייגט אריין אין די ישיבה, עס לאזט זיך גארנישט זאגן. אפשר אמאל איז עס הזורעים בדמעה, בחורים נעמען עס אויף בדמעה, מען שטייט אויפן קאפ, אבער ווען עס קומט סוף יאר, איז ברנה יקצרו, עס איז ביי יעדן איינעם א רנה. יעדער איינער וואס איז ארויסגעגאנגען פון ישיבה, גיט א שבח והודאה שפעטער פאר'ן מנהל. יא, געלויבט דער אייבערשטער אז מען איז געשטאנען און מען האט נישט געקענט פארפעלן אפילו פינף מינוט פונעם סדר, דאס איז סיי אינמיטן טאג, סיי פארטאגס, סיי ביינאכט, ער איז געשטאנען על הפרק, ער האט נישט אויסגעלאזט קיין איין טאג וואס ער איז נישט געשטאנען אויפן פארטש אינדרויסן מקבל פנים צו זיין די בחורים צופרי! דאס האט געגעבן דעם כח, אז מען זאל קענען ווייטער אנגיין.

**דער** אייבערשטער זאל געבן פאר אלע מגידי שיעורים, אז זיי זאלן קענען ווייטער מרחיב זיין די גבולי הקדושה. איך וויל עקסטער באגריסן די עלטערן, טאטעס, זיידעס, וואס זענען ארויסגעקומען צו געבן חיזוק פאר זייער אייגענע קינדער, און חיזוק פאר זיך. עס איז די גרעסטע נחת וואס מען קען האבן, אז מען זעהט ב"ה די קינדער לערנען, זיי שטייגן אין תורה, און זיי פארהערן זיך א מסכת. אלע אנדערע עניני עולם הזה איז דאך פארגענגליך, עס בלייבט גארנישט, אבער אז מען שטעלט אויף א גוט קינד, דאס איז א נחת וואס מען האט לעולמי עד, אפילו נאך די הונדערט און צוואנציג יאר, שעפט מען נאך אלץ פון די נחת וואס מען האט גוטע קינדער. און ב"ה אז דער אייבערשטער האט זיי געגעבן די זכיה, עס קומט פאר זיי אויך נישט אן גרינג, די טאטעס פלאגן זיך אז די קינדער זאלן קענען זיצן און לערנען, און יעצט זעהן זיי די פירות דערפון. זאל זיי דער אייבערשטער געבן ווייטער אויך, זיי זאלן קענען זעהן אסאך נחת דקדושה, בנים ובני בנים עוסקים בתורה ובמצוות. מען גייט דאך שוין אריין אין חודש אלול, עס איז שוין נאנט צום נייעם יאר, זאל דער אייבערשטער געבן מען זאל האבן א גוט געבענטשט יאר און א כתיבה וחתימה טובה. אלע וואס זענען עוסק אין די עבודת הקודש זאלן האבן א הצלחה דעריך, די בחורים זאלן ווייטער שטייגן. און מיר אלע זאלן זוכה זיין אינאיינעם אקעגן צוגיין משיח צדקינו, במהרה בימינו אמן.

*

<u>***יום שני פרשת ראה***</u>

בשעות אחר הצהרים נכנסו תלמידי הישיבה קטנה אצל **רבינו שליט"א** להיבחן על פרקי מסכת קידושין שלמדו במשך השנה.

*

<u>***יום שלישי פרשת ראה***</u>

בשעות הערב השתתף **רבינו שליט"א** אצל מסיבה לתלמידי הישיבה גדולה, לרגל סיום זמן הקיץ, ונשא מדברותיו.

<u>***וזה תוכן הדברות קודש:***</u>

**מען** האט ב"ה פריער געהערט דברי תורה פונעם חשובן מנהל, און פון הרב יעקב יצחק אלבוים זאל זיין געזונט (ר"מ בישיבתנו הק'), דיבורים פון התחזקות ווען מען האלט ביים סוף פונעם זומער, ווען מען גייט אהיים, וויל איך נאר ממשיך זיין, און צוגעבן צו די ווערטער פון הרב אלבוים שליט"א.

**ער** האט געברענגט די פסוק (שיר ז-ב) מה יפו פעמיך בנעלים בת נדיב, וואס די גמרא (חגיגה ג.) דרשנ'ט

דערויף, אז דאס גייט ארויף ווען יודען האבן עולה רגל געווען. מה יפו פעמיך, ווי שיין איז געווען די טריטן, בנעלים, ווען מען איז ארויף געגאנגען עולה רגל זיין קיין ירושלים מיט די שיך, בת נדיב, בתו של אברהם אבינו וואס ווערט אנגערופן נדיב. ער האט צוגעברענגט, אז בנעלים מיינט נישט ווען מען איז ארויפגעגאנגען מיט די שיך, נאר בנעלים מיינט ביי נעילה, בשעת מען האט געהאלטן ביים ענדיגן.

**אין** תרגום שטייט אויף בנעלים, נעלי תחש, זיי זענען ארויפגעגאנגען מיט שיינע שיך. תחש האט מען דאך געלערנט אין חומש רש"י ביי די עורות תחשים (שמות כה-ה), אז תחש איז א בעל חי וואס האט זייער שיינע קאלירן, און מיט די סארט קאלירטע שיך איז מען ארויפגעגאנגען. וואס גיט דער תרגום צו, אז די מה יפו פעמיך בנעלים, איז געווען נעלי תחש? וואס איז א חילוק מיט וואס פאר א שיך מען איז ארויפגעגאנגען? האט מען דען געמאסטן די שיינקייט פון די שיך, מען האט געמאסטן די חשוב'ע טריטן אז מען איז עולה רגל. פארוואס גיט ער צו, אז עס איז געווען מיט נעלים פון תחש?

**יעדער** יוד וואס איז ארויפגעגאנגען עולה רגל זיין, אריינצוקומען אין מקדש ה', האט ער געמאכט א הכנה דערצו. מען גייט יעצט ארויף אין בית המקדש לראות וליראות, מען גייט זיך באווייזן פאר'ן אייבערשטן, דער אייבערשטער גייט אים אדורכקוקן, שלש פעמים בשנה יראה כל זכורך את פני ה' אלקיך (דברים טז-יז), מען קען נישט אריינפאלן אין בית המקדש אזוי ווי מען איז. יעדער יוד לפי ערכו ולפי מדרגתו האט געמאכט אן הכנה, ער זאל קענען אריינקומען און זיך באווייזן אין בית המקדש.

**אוודאי** איז געווען שיינע טריט ווען מען האט עולה רגל געווען. מען איז געגאנגען מיט א גרוואלדיגע הכנה. דאס איז אבער נישט קיין חידוש, ווען מען גרייט זיך צו, מען גייט אריין אין בית המקדש, קיינער וויל זיך נישט טרעפן מיטן רבונו של עולם פארשמירט, ווי עס פאסט נישט זיך צו באווייזן. און ווען מען גרייט זיך צו, איז עס זייער שיין. דער עיקר חשיבות איז אבער, וואס נעמסטו אהיים פונעם בית המקדש? דו ביסט דארט געווען יום טוב, דו האסט דיך אויפגעהאלטן אין בית המקדש, און דו דארפסט יעצט אהיימגיין, וואס נעמסטו מיט ביים אהיימגיין פון בית המקדש? דו האסט דאך שוין אפגעטון דיין עבודה דארטן, דו האסט שוין געברענגט א קרבן עולת ראיה, דו האסט שוין געטון וואס דו האסט געדארפט צו טון אין בית המקדש, דארט דערקענט זיך די שיינקייט פון א יוד. דאס וואס ער נעמט מיט פונעם בית המקדש ווען ער גייט אהיים, די קדושה וואס ער האט קונה געווען פון די השראת השכינה וואס מען האט געזעהן אין בית המקדש, פון די עשרה ניסים וואס איז נעשו לאבותינו, מען האט אויפגעהויבן דעם שלחן, און מען האט געוויזן אז עס איז לחם חם ביום הלקחו (שמואל א כא-ז), און אנדערע ניסים, עומדים צפופים ומשתחוים רווחים (אבות ה-ז), ווען מען קומט אריין איז צוזאמגעפרעסט, און פלוצלינג ווערט א ברייט פלאץ, יעדער האט ד' אמות ארום זיך, און ער קען זיך משתחוה זיין פארן אייבערשטן. דאס האט אריינגעברענגט א געוואלדיגע אמונה אין יודישע קינדער, אז עס איז דא מנהיג לבירה, מען האט געזעהן מיט די אויגן, אז עס איז דא א באשעפער אויף די וועלט. דאס האט ער געזומט, מה יפו פעמיך, ווי שיין זענען דיינע טריטן, בנעלים, ווען דו שליסט שוין דעם עולה רגל זיין. בשעת דו האסט שוין געענדיגט עולה רגל זיין, דו גייסט אהיים פון דארטן, רימט ער ווי שיין דער כלל ישראל איז געווען.

**רש"י** זאגט אויף תחש, אז וועגן דעם הייסט עס ססגונא, ששש ומתפאר בגוונין שלו, ער פריידט זיך, און עס טוט זיך בארימען מיט זיינע פארבן. רש"י ברענגט אויך צו, אז דער תחש איז נישט געווען צו באקומען נאר לשעתו, ווען מען האט געדארפט בויען די משכן, איז אפירגעקומען דער תחש, אז מען זאל קענען מאכן פון די עורות תחשים, א צודעק פארן משכן. תחש איז א בעל חי וואס עס איז שש ומתפאר בגוונין שלו, ער רומט זיך, איך בין זייער שיין, עס איז נישט דא נאך א בעל חי וואס קוקט אויס אזוי ווי איך, איך האב מעלות וואס אן אנדערער האט נישט. **זיך רומען, איז נישט קיין יודישע מדה, און נישט קיין חשוב'ע מדה. א יוד דארף זיין א עניו און א שפל רוח. אבער עס איז דא צייטן וואס א מענטש דארף זיך יא רומען, ויגבה לבו בדרכי ה'** (דברי הימים ב יז-ו). **ווען עס קומט צו עבודת ה', דארף מען נישט זאגען איך בין גארנישט. ווייל אויב דו ביסט גארנישט, איז דאך דיין דאווענען אויך**

**נישט ווערד, דיין לערנען איז אויך נישט ווערד גארנישט. א יוד דארף זיך רומען, וויסן איך פארמאג זייער אסאך. איך האב אין זיך א נשמה, א חלק אלקי ממעל. איך בין א קינד פונעם אייבערשטן. איך בין א בן מלך, און ער דארף זיך צוגרייטן און זיך פירן אזוי ווי עס פאסט זיך פאר א בן מלך. מען דארף מיטנעמען מיט זיך דעם ויגבה לבו בדרכי ה', בשעת עס קומט צו דרכי ה', דעמאלטס דארף מען זיין א שש ומתפאר בגווניו, מען דארף זיך רומען און זיך פרייען מיט די קאלירן וואס מען האט.** אן אנדערס מאל האט עס נישט קיין חשיבות, אבער צו בויען א משכן פארן אייבערשטן, ועשו לי מקדש ושכנתי בתוכם (שמות כה-ח), בתוך כל אחד ואחד מישראל, דארט האט א חשיבות א תחש אויך. א מענטש דארף וויסן זיינע מעלות, און וויסן וואס ער קען צוגעבן, דאס גיט אים כח און מוט, ער זאל קענען גיין ווייטער און נתעלה ווערן.

**דער** תחש איז געווען באהאלטן, ווייל דער אייבערשטער וויל נישט אז מען זאל זיך פירן מיט די מדה פון שש ומתפאר בגווניו. אבער בשעת מען גייט בויען א משכן, האט דער אייבערשטער אפירגענומען די עורות תחשים, צו ווייזן, ווען מען בויט א משכן פארן אייבערשטן, דארף זיין שש ומתפאר בגוונין שלו, מען דארף זיך אמאל רומען, און זיך פרייען מיט די מעלות און די מדריגות וואס מען איז צוגעקומען דערצו.

**ווען** מען איז ארויפגעגאנגען צום משכן ה', ווען מען איז ארויפגעגאנגען צום אייבערשטן, האט מען אנגעטון נעלי תחשים, מען האט אנגעטון שיך פון תחשים, וואס תחשים איז שש ומתפאר בגוונין שלו. ווייל אריינגיין אין בית המקדש צובראכענערהייט, איך בין גארנישט ווערד, איך האב גארנישט געטון, וועט ער נישט אהיימקומען פון בית המקדש מיט וואס ער דארף קונה זיין דארטן. אבער ווען ער וועט אריינגיין אין בית המקדש, איך האב אין מיר א נשמה א חלק אלקי ממעל, איך וויל שטייגן, און איך וויל צוקומען, איך וויל אויסוואקסן אזוי און אזוי, און מיט דעם גיי איך אהיים פון בית המקדש, אז איך וויל צוקומען צו דעם וואס איך קען צוקומען, דעמאלטס איז חשוב די נעלי תחשים. מה יפו פעמיך, ווי שיין זענען דיינע טריטן, בנעלים,ביידע פשטים, בנעלים ווען דו האסט געהאלטן ביים שליסן, בשעת דו ביסט אוועק פונעם יום טוב, און דו האסט אנגעטון נעלים פון תחשים, דאס האט א חשיבות.

**עס** גייט אדורך א יאר אין ישיבה, אטייל זענען שוין צוויי יאר, אטייל זענען שוין דריי יאר אין ישיבה גדולה, און מען האלט ביים ענדיגן דעם זמן. **אסאך מאל איז מען צובראכן ביי זיך, איך וואלט געקענט צוקומען צו מער, און ווי האלט איך. און עס איז אמת, יעדער קען צוקומען צו מער וויפיל מען איז צוגעקומען. אבער דאס וועט אים נישט געבן קיין חשקות התורה ער זאל גיין ווייטער. מען טאר נישט קוקן אויף די זייט וואס איך בין נישט צוגעקומען. א בחור דארף קוקן אויף זיך, צו וואס בין איך יא צוגעקומען. וואס האב איך אויפגעטון אין דעם יאר, מיט וואס בין איך מער פון וואס איך בין געווען מיט א יאר צוריק. וואס בין איך מער, פון וויפיל איך בין געווען צוויי יאר צוריק. און אז ער וועט זעהן אז ער איז געשטיגן, ער וועט זעהן צו וואס ער איז צוגעקומען, דאס גיט אים א כח, איך בין צוגעקומען ביז אהער, איך גיי עס פארבעסערן, און איך גיי דעם קומענדיגען יאר זיך נאך מער מתגבר זיין, נאך מער שטייגן צו א מדריגה וואס איך קען צוקומען דערצו.** עס איז מה יפו פעמיך בנעלים, בשעת מען ענדיגט דעם יאר, דארף מען זיך אנטון די עורות תחשים, ששש ומתפאר בגוונין שלו.

**יעדער** בחור זאל צוריק קוקן אויף זיך, אפשר אויף זיך באמערקט ער עס נישט אזוי ווייט, ווי א צווייטער קען עס באמערקן. א צווייטער מיינט, דער מגיד שיעור, אדער דער מנהל, אדער דער משגיח, דערקענט דאס התעלות וואס א בחור האט באקומען, און מיט דעם דארף ער אהיימגיין. ששש ומתפאר בגוונין שלו, זיך פרייען און זיך רומען איך בין צוגעקומען. **איך האב דאס יאר געענדיגט מסכת בבא מציעא, אפילו עס איז נאר א חלק דערפון, אפילו עס איז נישט די גאנצע מסכת, וויפיל איך האב געקענט אנקומען, האב איך ב"ה געלערנט די מסכת. איך קען מיט א מסכת מער פון וואס איך האב געקענט מיט א יאר צוריק. מיין דאווענען איז נישט אזוי ווי עס איז געווען מיט א יאר צוריק, עס איז מיט מער ערנסטקייט, מער ערליכקייט, מער מלה במלה, איך בין מער מכוון ביים דאווענען. מיין הנהגה מיינע מידות ווי אזוי איך פיר זיך אויף בין אדם לחבירו.** מען האט פריער געהערט ווי אזוי מען עסט, און ווי אזוי

מען טרינקט, און ווי אזוי מען גייט שלאפן, ווי אזוי מען רעדט איינער צום צווייטן, עס דערקענט זיך א געוואלדיגע שינוי ביי יעדן בחור פון וואס ער איז געווען מיט א יאר צוריק, און וואס ער איז היינט.

**די מגידי שיעור האבן מיר געזאגט אויף כמה בחורים וואס גייען אהיים פונעם קעמפ יעצט, אז מען דערקענט זיי נישט פון וואס זיי זענען געווען מיט א יאר צוריק, און וואס זיי זענען יעצט. און אויף א טייל בחורים האט מען מיר געזאגט, אז מען דערקענט זיי נישט ווי אזוי זיי זענען געווען ווען זיי זענען געקומען אנהייב זומער, און ווי אזוי זיי גייען אהיים פונעם זומער. מען רעדט דא פון די צוויי חדשים אליין, וואס פאר א התעלות עס איז דא בחורים וואס האבן געהאט, און זיי האבן עס אויסגענוצט, זיי זענען געשטיגן פון וואס זיי זענען געווען. דאס גיט חיזוק פארן בחור ווייטער ער זאל ממשיך זיין.**

**מען** האלט חודש אלול, מען האלט פאר א נייעם זמן, קוקן צו וואס בין איך צוגעקומען ביז יעצט, און וויסן אז איך דארף שטייגן, איך קען נישט בלייבן ביי וואס איך בין געווען ביז יעצט. ווייל טאמער דארף איך בלייבן וואס איך בין געווען ביז יעצט, קען איך בלייבן ביי די אלטע כתה, איך דארף נישט ארויפגיין צו א פרישן שיעור, איך קען דאך בלייבן ווי איך בין געווען. א פרישע שיעור איז טייטש, א פרישע התעלות, א פרישע מדריגה. איך גיי יעצט ארויף צו אזא מדריגה וואס איך האב נישט געהאט ביז יעצט.

**מען** ווערט עלטער, דער קאפ איז רייפער, מען פארשטייט בעסער, מען פארשטייט שוין מער די חשיבות פון תורה און עבודת ה'. **זיך פארנעמען אריינצולייגן זיך, אריינווארפן זיך, אין ים של תורה, עס זאל נישט אינטערסירן קיין שום זאך אויף די וועלט, נאר איך וויל קענען די לימודים וואס מען לערנט אין ישיבה. איך וויל קענען מסכת כתובות, און שלחן ערוך וואס מען לערנט. נישט סוף זמן וועל איך אנהייבן צו חזר'ן, נאר איך הייב אן תיכף אזוי צו לערנען, אז יעדע וואך, יעדן חודש, וועל איך איבערגיין אלע לימודים וואס מען האט געלערנט, כדי איך זאל עס קענען. זיך ארייננלייגן מער מעמיק צו זיין. איך קען נישט לערנען אויבערפלעכליך ווי מען האט געלערנט ביז יעצט, מען איז עלטער, ביסט צוגעקומען מיט א יאר מער שכל, און מען פארשטייט בעסער, דארף מען אויסנוצן דעם שכל זיך אריינצולייגן מער אין תורה. סיי שיעור עיון, סיי הלכה, סיי שיעור פשוט, אלע זענען וויכטיגע לימודים. עס זענען דא בחורים וואס גייען אהיים מיט צוויי מסכתות. מען גייט אהיים מיט מסכת בבא מציעא, און מען גייט אהיים מיט מסכת יומא, און עס איז דא בחורים וואס גייען אהיים מיט גאנץ חומש רש"י וואס זיי האבן געלערנט במשך פונעם יאר. און דאס דאווענען וואס איז געווען אנדערש, וואס מען איז געשטיגן דעריין. און אזוי דארף מען אנהייבן דעם נייען זמן, מיט א פרישן התחדשות, מיט א פרישן ניי-קייט, מיט א חשק, אנהייבן צו שטייגן.** עס איז ממילא חודש אלול, ביי יעדן יוד איז דא א געוויסע התעוררות, כל שכן אז עס איז אנהייב זמן פון חודש אלול, דארף מען זיך מער פארנעמען צו שטייגן.

**לעולם וואלט א ישיבה גדולה נישט געדארפט האבן קיין משגיח און קיין מנהל, בחורים וואלטן אליין געדארפט זיין גענוג בעלי דעת, אז אפילו קיינער שטייט נישט אויפן קאפ, זאל מען זיך פירן ווי עס דארף צו זיין. אלץ מאכט זיך דאך, נישט יעדער איינער קען זיך צושטעלן, מוז זיין א מנהל מיט א משגיח וואס זאל האלטן א חשבון. אבער יעדער בחור פאר זיך, דארף זיך פילן אזוי, איך דארף נישט קיין מנהל, איך דארף נישט קיין משגיח, מען דארף מיר נישט זאגן אז איך דארף אויפשטיין, מען דארף נישט זאגן, איך זאל אריינגיין אין בית המדרש. איך בין ערוואקסן, א יאר צוויי ארום גיי איך חתונה האבן, און איך גיי האבן א שטוב פאר מיר אליין, איך דארף שוין באלד מחנך זיין אנדערע אויך, און אז מען קען זיך נישט אליין האלטן צו גדרים וסייגים, ווי אזוי וועל איך קענען שפעטער זיין א נארמאלער מענטש. עס איז די צייט וואס מען דארף זיך אליין נעמען אין די הענט. זיך פארנעמען, מיר וועט דער מנהל דאס יאר נישט דארפן זאגן גארנישט. מיר וועט דער משגיח נישט דארפן זאגן. וואס דער מנהל און דער משגיח פארלאנגט, וועל איך טון פון מיר אליין, אן דעם וואס מען זאל עס בעטן פון מיר.**

**מען** זעהט אסאך מאל איז דא א שטוב מיט קינדער, עס איז דא גרעסערע קינדער מיט קלענערע קינדער. און ווי דער סדר איז, קליינע קינדער טיילן דאך אויס צרות אין שטוב, און די מאמע פלאגט זיך, נישט ווייל זיי ווילן, אבער אזוי גייט דאך עס. ווען

עס איז דא א עלטער קינד וואס איז א געטריי קינד, נעמט דאס קינד צוזאם די קלענערע געשוויסטער און זאגט זיי, מאמי פילט נישט גוט, לאמיר זיין אלע וואויל, לאמיר אליין טון אלעס, מאמי זאל נישט דארפן שרייען, מאמי זאל נישט דארפן זאגן, אונז דארפן מיר אליין פארשטיין וואס מיר האבן צו טון. און מען פאלגט, און עס איז א רואיגע שטוב שפעטער, יעדער טוט פון זיך אליין.

**אין** א געוויסע בחינה דארף צו זיין, מען רעדט נישט פון א מאמע, מען רעדט נישט פון קינדער, מען רעדט פון זיך אליין. וויסן איך בין שוין זיבעצן-אכצן-ניינצן יאר, דאס איז די שענסטע יארן וואס מען האט אינעם לעבן, מען דארף זיך שיין אויפפירן פון זיך אליין. מען דארף וויסן וואס איך האב צו טון, און צו דעם דארף מען זיך האלטן. עס דארף מיר קיינער נישט זאגן וואס איך האב צו טון, ווייל איך טוה עס אליינס. אז מען טוט נישט, ליידער, דארף מען זאגן. אבער נישט אזוי דארף עס צו זיין. עס דארף זיין שש ומתפאר בגוונין שלו, זיך אליין רומען, איך בין א ערוואקסענער בחור, אן ערוואקסענער מענטש, און איך גיי זיך פירן ווי אן ערוואקסענער מענטש, וואס מען דארף מיר נישט איינטיילן וואס צו טון, ווייל איך פארשטיי אליין, און איך טו עס אן דעם וואס מען זאל מיר דארפן זאגן.

**בחורים** קומען אריין מיט גוטע כוונות, יעדער איינער וויל שטייגן, יעדער איינער וויל נתעלה ווערן. זאל דער באשעפער געבן די כוחות הנפש, מען זאל זיך קענען מתגבר זיין אויף די טירדת הזמן וואס טוען שטערן. עס קומט יעצט כמעט א גאנצע וואך וואס מען וועט נישט זיין אין ישיבה, דער אייבערשטער איז איבעראל, אין קעמפ, אין די גאס, אין שטוב, איבעראל דארף מען זיך פירן ערליך. אנהאלטן די סדרים פאר זיך אליין, אזוי ווי עס וואלט געווען ישיבה. אויפשטיין באצייטנס, דאווענען באצייטנס, האבן א חברותא, מען זאל אליין לערנען, ווי אזוי עס קומט פאר יעדן איינעם אויס בעסער. אבער פירן א נארמאלען סדר היום, אזוי ווי מען פירט אין ישיבה.

**זאל** דער אייבערשטער געבן אי"ה, אז מען זאל מצליח זיין, עס וועט קומען אי"ה סוף יאר, מען וועט קענען גאנץ מסכת כתובות, מען וועט קענען בשר בחלב [די וואס לערנען עס], מען וועט קענען הלכות שבת, מען וועט אהיימגיין מיט א אוצר אנגעפילט מיט תורה און יראת שמים. דער באשעפער זאל נאר געבן די כוחות הנפש, אז מען זאל קענען צוקומען דערצו. הבא לטהר מסייעין אותו (שבת קד.), אז דאס קומען איז מיטן גאנצן הארץ, אז מען קומט מיט א אמת'דיגע ריינע כוונה, האט מען סיוע פונעם אייבערשטן. כי לא יטוש ה' את עמו, דער אייבערשטער וויל נאר אונזערע נסיונות, אבער ווען א מענטש איז מחליט אז ער גייט אויפן ריכטיגן וועג, וועט מען אים פון הימל העלפן. זאלן מיר זוכה זיין אלע אי"ה, אזוי ווי מיר האבן געהאט א גוטן זומער, וועט מען האבן אי"ה א קומענדיגן זמן, עס זאל זיין אנגעפולט מיט תורה און יראת שמים, און מיר זאלן אלע אינאיינעם זוכה זיין אקעגן צו גיין משיח צדקינו.

**איך** וויל עקסטער באדאנקען פאר די בחורים, איך האב געהאט א געוואלדיגע הנאה דעם זומער צו זיין צוזאמען. מען איז א גאנץ יאר צוזאמען, אבער נישט אזוי ווי זומער וואס מען באקענט זיך מיט יעדן בחור עקסטער. מען האט נישט גורם געווען קיינמאל קיין שברי לב, און קיין חלישת הדעת, מען האט זיך געפירט באמת ווי ערוואקסענע בחורים, אויף זייער א שיינע מדריגה. דער אייבערשטער זאל העלפן ווייטער אויך, מען זאל עס קענען אנהאלטן שפעטער.

**איך** באוואונדער דעם חשובן מנהל, מיט די מגידי שיעורים, און די משגיחים, וואס פאר אן עבודת הקודש זיי לייגן אריין אין די בחורים. עטץ ווייסט עס נישט צו שעצן. ווען מיר זענען געווען בחורים, האבן מיר נישט געהאט וואס עטץ האטס, ניטאמאל למחצה ולשליש ולרביע. מען איז געזעסן און געלערנט, און קיינער האט נישט געגעבן קיין חיזוק, קיינער האט נישט ארויסגעהאלפן, עס איז געווען אן אנדערע וועלט ווי עס איז היינט. עטץ דארפטס דאנקן, אז עטץ האטס אזא צוות אין ישיבה וואס שטייט מיט, ענק צו העלפן. זאל דער אייבערשטער געבן, מען זאל קענען וואקסן אין תורה און יראת שמים, אמת'דיגע תלמידי חכמים ויראי ה', זאלן מיר זוכה זיין אינאיינעם אקעגן צו גיין משיח צדקינו, און האבן א גוט געבענטשט יאר, א כתיבה וחתימה טובה, בביאת בן דוד במהרה בימינו אמן.

**וסיים רבינו:** איך האב געהאט די נאכט א חלום, און איך וויל איבערגעבן דעם חלום וואס איך האב געהאט. דער **תולדות אהרן רבי זצ"ל**, דער **דברי אמונה**, האט געפירט טיש, און איך בין אריינגעגאנגען צום טיש. ווען איך קום אריין צום טיש האט ער מיך זייער מקרב געווען, ער האט זיך אויפגעשטעלט, און ער האט געבעטן אז מען זאל ברענגען א בענקל, און ער האט מיך געזעצט נעבן זיך. און עס איז געווען א פלא פאר מיר די קירבות, און איך האב געזעהן אז דער עולם האט אויך געקוקט, אז עס איז נישט דער נארמאלער וועג. אונז זיץ מיר צוזאמען, להבדיל בין חיים לחיים, און ער הייבט אן צו רעדן צו מיר, און ער זאגט מיר, 'איר דרשנ'ט דאך אסאך מאל ברבים, איר זאלט וויסן, אז דברי תוכחה וואס מען זאגט ערליך, דארף מען זיך נישט פארקוקען. איין ווארט ברענגט דאס אנדערע ווארט'. און ער זאגט אויף זיך, איך האב היינט צופרי גע'דרשנ'ט, איך האב זיך גארנישט געהאט פארגעקוקט, אבער עס איז מיר געגאנגען איין ווארט נאך די צווייטע ווארט, ווייל דברי תורה וואס מען זאגט ערליך, איין ווארט ברענגט דאס צווייטע ווארט. ווען ער ענדיגט דאס צו זאגען, הייבט ער אן ווייטער צו רעדן פארן עולם, און ער האט געזאגט מוסר, און עס איז געווען א געוואלדיגע התעוררות בשעת ער האט אנגעהויבן די מוסר. ער האט אנגעהויבן מיט דעם פסוק, תעיתי כשה אובד בקש עבדך (תהלים קיט-קעו). – איך האב פארגעסן דעם חלום, און יעצט ווען איך זיץ דא, דערמאן איך זיך אז איך האב דאס געחלומ'ט די נאכט. ווען איך בין יעצט געקומען צו די מסיבה, האב איך געזאגט פאר יואל'י (משב"ק), אז איך בעהט מען זאל מיך נישט מכבד זיין צו רעדן, ווייל איך האב נישט וואס צו זאגען. איך זאג נישט אז איך רעד ערליך, אבער איך האב געהערט ערליכע דיבורים פון הרב אלבוים שליט"א, האט עס מיר צוגעגעבן, אז איך האב געקענט רעדן ווייטער... אבער די ווארט אליין איז שיין צו געדענקן, אז א זאך וואס איז ערליך, איז איין ווארט ברענגט דאס אנדערע ווארט, און מען דארף זיך אויף דעם נישט צוגרייטן. זכותו יגן עלינו ועל כל ישראל.

*

אחר מעריב נכנסו תלמידי הישיבה גדולה אצל **רבינו שליט"א** להיבחן על הפרקים ראשונים של מסכת בבא מציעא, שלמדו במשך זמן הקיץ.

***יום רביעי פרשת ראה***

אחר תפלת שחרית הסיב **רבינו שליט"א** למסיבת לחיים לרגל היארצייט של חותנו **הגה"צ רבי משה מרדכי פאללאק זצ"ל אבדק"ק וואדקערט** בעמח"ס **פרי משה וכתר החכמה על חכמת אדם**.

***וזה תוכן השיחה:***

**עס** איז היינט די זיבעציג'סטע יארצייט פון מיין שווער זכרונו. די רעבעצין איז נאך נישט געווען א יאר אלט ווען ער איז אוועק, און זי האט א ברודער (הגה"צ **רבי משה מרדכי פאללאק שליט"א** אב"ד וואדקערט) וואס איז געבוירן נאכדעם וואס ער איז אוועק, ער הייסט שוין נאך אים. דער שווער ז"ל איז געווען א גרויסער תלמיד חכם, ער איז געווען א תלמיד פונעם **סעמיהאי'ער רב**, דער **מהרש"ג**. דער **מהרש"ג** איז אים געווען א פעטער. מיין שווער'ס מאמע (הרבנית פערל רבקה ע"ה, אשת **הגה"צ רבי ישעי' פאללאק זצ"ל** אב"ד וואדקערט), איז געווען א שוועסטער פארן **מהרש"ג**. די יונגסטע טאכטער פון **רבי יהודא'לע גרינפעלד**.

**בזיווג** ראשון איז ער געווען א איידעם ביי זיינס א פעטער, **רבי ישראל פאללאק ז"ל** פון זענטא. ביי דעם רבי ישראל איז געווען תורה וגדולה במקום אחד, ער איז געווען א גרויסער עושר. ביי די ערשטע קריג האט ער פארלוירן זיין גאנצע פארמעגן, די רעגירונג האט עס צוגענומען, און דאס וואס איז געבליבן, האט ער אויסגעגעבן אויף די לויער'ס זיך צו קריגן מיט די רעגירונג, און ער האט דאס אויך פארלוירן.

**ביי** די קריג איז אוועק זיין ערשטע רעבעצין מיט אלע קינדער, ער האט שוין געהאט א גרויסע טאכטער אין די יארן פון שידוכים, און ער האט אלעס פארלוירן, און ער האט געדארפט אנהייבן פון אנהייב. ער האט נאכאמאל חתונה געהאט, מיט מיין שוויגער ע"ה. (ביי מיין שוויגער איז עס שוין געווען זיווג שני, מיין שוויגער האט חתונה געהאט קודם בזיווג ראשון, און איר מאן איז אוועק תיכף אין די יאר פון די חתונה. ער איז נישט געווען געזונט פארדעם, און מען האט עס נישט געוואוסט). זי איז שוין געווען א אלמנה פון פאר די קריג, און זי האט חתונה געהאט מיט מיין שווער, און דריי יאר שפעטער איז מיין שווער אוועק. און זי האט מער נישט חתונה געהאט.

**זיין** פאטער (הגה"צ רבי ישעי' פאללאק זצ"ל) איז געווען דער רב אין וואדקערט זיבן און דרייסיג יאר, ער איז אוועק תש"א. מיין שווער איז אוועק נאך די קריג תש"ט. ווען זיין פאטער איז אוועק, איז געווען חילוקי דעות אין די קהלה צו מען זאל אים אויפנעמען פאר רב. מען האט נישט געהאט קיין טענות אויף אים, ער איז געווען א תלמיד חכם און א געלונגענער מענטש, אבער זיין רעבעצין איז נישט געווען געזונט, און זיי האבן געהאלטן אז מען דארף אויך האבן א רעבעצין פאר די שטאט, איז געווען חילוקי דעות צו מען זאל אים אויפנעמען. דער **סאטמארער רב** איז געקומען דעמאלטס צו פארן פון סאטמאר אויף וואדקערט צו די לויה, און ער האט עס אדורכגעבראכען, אז מען זאל אים אויפנעמען. דער רבי ישעי' איז אוועק פרשת שלח, כ"ב סיון איז ער אוועק, און דער **סאטמארער רב** האט אים מספיד געווען, און ער האט געזאגט, היש בה עץ אם אין, והתחזקתם ולקחתם מפרי הארץ (במדבר יג-כ), אויף 'היש בה עץ' זאגט דאך רש"י, אז עס גייט ארויף אויף דעם צדיק. 'אם אין', טאמער דער צדיק גייט אוועק, ער איז נישט דא, 'והתחזקתם', דארף מען זיך מחזק זיין, 'ולקחתם מפרי הארץ', און נעמען פון זיינע פירות, מען זאל אויפנעמען דעם זון, מיין שווער איז געווען דער עלטסטער.

**דער סאטמארער רב** האט גוט געקענט מיין שווער, ווייל ווען דער **סאטמארער רב** איז געקומען אויף זענטא, פלעגט ער איינשטיין ביי דעם רבי ישראל פאללאק, ער איז געווען א איש מכובד, און מיין שווער איז געווען דארט א איידעם, ממילא האבן זיי זיך געקענט. זעהט אויס אז ער האט געוואלט מכיר טובה זיין פאר דעם רבי ישראל, איז ער געקומען צו די לויה. (שפעטער נאך די קריג ווען דער סאטמארער רב איז געקומען קיין אמעריקע האט ער אים געוואלט נעמען אלס מורה הוראה פאר זיין קהלה, אבער ער איז פלוצלינג נפטר געווארן).

**עס** איז געווען א יוד אין וואדקערט וואס האט געהייסען רבי יעקב אהרן דייטש, [ער האט שפעטער געוואוינט דא אין וויליאמסבורג]. און ווען דער **סאטמארער רב** איז געווען אין וואדקערט, איז ער געווארן זייער איבערגענומען פונעם **סאטמארער רב**. דער **סאטמארער רב** וואו ער איז געגאנגען, האט ער צוזאמגעשטעלט געלט, עס איז געווען אין די קריגס צייט, און ער האט געדארפט געלט. און דער רבי יעקב אהרן האט געהייסען א עושר, איז ער אריין צו אים, און ער האט אים געזאגט, אז ער דארף געלט פאר ארימעלייט. איז ער געגאנגען און ער האט געעפענט זיין סעי"ף, און ער האט געזאגט, דער רבי קען נעמען וויפיל מען וויל. האט אים דער **סאטמארער רב** געפרעגט, צו עס איז גע'מעשר'ט, האט ער געזאגט, יא. איז ער געגאנגען און ער האט אפגעציילט די גאנצע געלט וואס איז געלעגן דארט, און ער האט גענומען צען פראצענט. - א השגה פון א בעל הבית, און דאס חכמה פונעם **סאטמארער רב**, אז ער האט געוואוסט ווי איין און ווי אויס.

**דער** שווער האט געהייסען מרדכי, ווייל ער איז געבוירן אום פורים. און משה האט ער געהייסן נאכן **חתם סופר זצ"ל**, ווייל זיין טאטע איז געווען א פרעשבורגער תלמיד, א תלמוד פונעם **שבט סופר זצ"ל**.

**מיין** מאמע ע"ה האט געהייסען חנה, ווייל זי איז געבוירן חנוכה. דער **קול אריה** האט א נאמען געגעבן פאר די קינדער נאך די גדולי ישראל וואס זענען אוועק בימיו, אפילו ער האט נישט געהאט מיט זיי קיין שייכות. ער האט א נאמען געגעבן איין אייניקל יצחק מאיר (ה"ה הגה"צ רבי יצחק מאיר שווארץ זצ"ל אב"ד דראגמירעשט בעמח"ס אמרי יצחק, בן הגאון בעל בית נפתלי ממאד זצ"ל), נאכן **חידושי הרי"ם**. איין זון האט ער א נאמען געגעבן מרדכי זאב נאך דעם **שואל ומשיב'ס** שוואגער (הגה"צ רבי מרדכי זאב איטינגא זצ"ל מלבוב), ער איז אוועק אין דעם יאר, האט ער א נאמען געגעבן נאך אים. [דער **שואל ומשיב'ס** זון האט אויך געהייסען מרדכי זאב]. כאטש ער האט געהאט זיידעס מיט אלעם, האט ער געגעבן א דין קדימה פאר אלע צדיקים. **מיין טאטע ז"ל** האט געהאט א ברודער וואס האט געהייסען דוד, ווייל ער איז געבוירן אדער שבועות, אבער אין די אושפיזא פון דוד. ער האט געהאט א שוועסטער יהודית, ווייל זי איז געבוירן חנוכה. מיין טאטע האט געהייסען יהושע נאכן **בעלזער רב**. מיין זיידע איז נישט געווען ביי רבי יהושע'לע. מיין זיידע איז געבוירן תרמ"ב, און רבי יהושע'לע איז אוועק תרנ"ד, מיין זיידע איז אלט געווען צוועלף יאר ווען דער בעלזער רב איז אוועק. נאר אזוי ווי ער איז געווען א חסיד פון רבי ישכר דוב, האט ער א נאמען געגעבן יהושע.

**דער ערוגת הבשם** איז געפארן צו רבי יהושע'לע, בעיקר דארט איז ער געווען א חסיד. און ווען רבי יהושעל'ע איז אוועק, איז ער געפארן צו רבי ישכר דוב, אבער נאר איינמאל אין יאר. ביי די יארצייט פון רבי יהושע'לע איז ער געפארן צו די יארצייט, און ער איז דעמאלטס געבליבן אויף א שבת אין בעלזא, אדער א שבת פאר דעם, אדער א שבת נאכדעם, ווענט זיך ווען די יארצייט איז געווען, אנפאנג וואך אדער סוף וואך. און דער **בעלזער רב** האט אים שטארק מכבד געווען, ער האט אים געזעצט אויבן אן נעבן זיך, דאס איז געווען א כיבוד וואס איז נישט געווען אין בעלזא, קיינער פלעגט נישט זיצען אויף איין ברייט, מען איז נאר געזעסן אין די זייט. - עס איז געווען דארט שארפע חסידים, וואס עס האט זיי נישט געשמעקט אז ער קומט נאר צו די יארצייט פון רבי יהושע. און ווען ער איז געווען ביים ציון, האט מען אים געברענגט א בענקל, ווייל איר קומט דאך נאר צו דעם רבי'ן, קענט איר דא זיצען...

**זכותו יגן עלינו ועל כל ישראל**

*

***יום שישי פרשת ראה***

אחר תפלת שחרית נסע **רבינו שליט"א** למאנסי והשתתף אצל הברית של בן הר"ר **עזריאל יודא וויטריאל** הי"ו, שהתקיים בבית המדרש בית חיים יצחק. **רבינו שליט"א** נתכבד במוהלות ובברכות וקריאת השם.